NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12828

DALES

Perez Hirschbein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ביבליאָטעק „שול־טעאַטער"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי.

פרץ הירשביין

דלות

(בילד)

פאַרלאַג „נײַע יידישע שול"
ווילנע 1938

ביבליאָטעק „שול-טעאַטער"
רעדאַקטירט פון ש באַסטאָמסקי

פרץ הירשביין

דַלות

(בילד)

פאַרלאַג „נײַע יידישע שול"
1938 ○ ○ ○ ○ ○ ○ ווילנע

Printed in Poland

Perec Hirszbejn

D A L E S

Druk. Ekspres, Wilno

פּערזאָנען:

חנה – די מוטער, 30 יאָר אַלט.

נחומל – 7 יאָר.
דודל – פינפטהאַלבן יאָר.
צירל – 3 יאָר.
זעלדע – 2 יאָר.
(אירע קינדער)

ליבעלע – אַ קינד נאָך אין וויג.

די באָבע – 70 יאָר אַלט.

פרץ הירשביין

א קליינער קעלער-צימער. די דיל איז פון ברעטער, ביי דער טיר, רעכטס, שטייט א גרויסער אויוון. הינטערן אויוון—א בעט, און איבער איר הענגען אלערליי אלטע בגדים, צעבראכענע אלטע מעבל. לינקס, ביי דער וואנט, שטייט א פירקאנטיק שווארץ טישל. ביי דעם אויוון הענגט אויף א שטריק א וויגעלע.

ווינטער, פרום האלבן טאג. די פענצטער ווייגען דיק פארמאקסן מיט שניי. חנה זיצט ביים אויוון, וויגט דאס קינד מיטן פוס און פליקט פעדערן. אויף דער סאפקע זיצט די אלטע און דרעמלט. דודל זיצט אויפן פענצטער און לעקט מיט דער צונג דעם שניי פון דער שויב, כדי ער זאל קענען ארויסקוקן אויף דער גאס. די איבעריקע קינדער זיצן באָרוועסע אויף דער ערד און שפילן זיך.

דודל: אוי, אוי! קומט אַהער, איך זע די גאַס! אוי, קומט אַהער! מענטשן, מענטשן, וועגענער, פערד זע איך... פיס-אַזוי פיל פיס!..

נחומל: (קלעטערט אויפן פענצטער) לאָז מיר אויך קוקן אין פענצטער. (קוקט) איך זע אויך! אַלץ זע איך. לאָמיר נאָך בלאָזן אויף דער שויב!

דודל: לאָמיר בלאָזן גוט, גוט, ביז דער גאַנצער שניי וועט אַראָפּ פון דער שויב. באַלד וועלן מיר זען די גאַנצע שטאָט. (הויכן).

צירל: (גייט צום פענצטער) מיך אויך... מיך נעמט אויך אויפן פענצטער. (די קינדער זיינען פארעסקס מיטן בלאָזן. הערן זיי נישט) מאַמע! מאַמע... זאָלן זיי מיך נעמען אויפן פענצטער.

חנה: וואָס דאַרפסטו דאָרט?

צירל: כ'וויל טאַקע אויך זען מענטשן, וויל איך.

חנה: נעמט איר, קינדער, אויפן פענצטער.

דודל און נחומל: מיר ווילן ניט!

צירל: (גייט צוריק צו דער מוטער) מאַמע, איך וויל זען די גאַס, וויל איך זען.

חנה: קום צו מיר בעסער, טאָכטער מיינע. אַז איך וועל דיר קויפן שיך, וועסטו גיין אויפן גאַס און דו וועסט אַלץ זען. (פויזע)

צירל: (באַהאַלט אירע הענט ביי חנהן אין שויס) און ווען דו מיר קויפן, מאַמע, שיך?-זאָג.

חנה: אַז כ'וועל האָבן געלט.

צירל: און ווען דו האָבן געלד? מאַמע, זאָג.

חנה: כ'וועל האָבן...

צירל: ווער דיר געבן געלט? מאַמע, זאָג.

חנה: אַז איך וועל ענדיקן פליקן די פעדערן... דער זיידע וועט ברענגען.

צירל: דער זיידע דיר ברענגען?

זעלדע: (גייט צו צו חנהן, הייבט דאָס פיסל אויפן באַנק) מאַמע, נעם אַרויף!

חנה: (נעמט זעלדען אויפן באַנק) זע, דו זאָלסט ניט צעבלאָזן די פעדערן.

צירל: איר דו אויך קויפן שיך? מאַמע-זאָג.

חנה: פאַר איר וועל איך אויך קויפן שיך.

צירל: און דודלען, נחומלען דו אויך קויפן שיך? מאַמע, זאָג.

חנה: (שווייגט).

צירל: זיי דו אויך קויפן? מאַמע, זאָג.

חנה: פאַר זיי וועל איך אויך קויפן.

צירל: (פאַרטראַכט זיך) לייבעלען דו אויך קויפן שיך? מאַמע. זאָג.

חנה: לייבעלע דאַרף קיין שיך ניט.

צירל: לייבעלע נישט האַרף!...
(אויפן פענצטער הערט א געשלעג).

דודל: מאַמע! מאַמע! ער וואַרפט מיך אַראָפ!

חנה: איר וועט די שויבן אויסברעכן — אַראָפּ זאָלט איר מיר שוין גיין! אין דער ערד זאָלט איר גיין!
(דאָס געשלעג הערט שטאַרקער. זיי ברעכן אויס א שויב. נחימל וואַרפט דודלען אַראָפ פון פענצטער).

דודל: (ליגט אויף דער ערד) מאַמע, נישט אין!.. מאַמע, נישט איך.-אוי, דער פוס!.. אוי, מײַן פוס!..

נחומל: מאַמע נישט איך... מאַמע נישט איך!...

חנה: (רעדט גאָרנישט, שלעפט אַרויס א רוט פון בעזעם. די קינדער שווײַגן און קוקן מיט שרעק, גיט בסדר און שמײַסט זיי אַלעמען ווי זי טרעפט).
אָט האָסטו דיר!.. אָט האָסטו דיר!.. די קעפ ברעכט...

נחומל: (שפרינגט אַראָפ פון פענצטער. מיט אויסגעשפּרייטע הענט לויפט ער אין ווינקל)
מאַמע! מאַ-מע!

דודל. אויף מײַנע נאמנות נישט איך... אויף מײַנע נאמנות (קלאָגט).

חנה: (טיילט איין עטלעכע ריטער צירלען אויך) נאַ דיר אויך! מײַן ביטער האַרץ אויף אײַך... איך וועל דאָך משוגע ווערן פון אײַך פון זינען וועט איר מיר דאָך אַראָפּפירן; די כפרה זאָלט איר גיין.-צום טאַטן אײַערן אין דער ערד אַרײַן ניעכאַי וואָלט איר גיין!
(וויקלט איין אַ פעקל שמאַטעס און פאַרשטעקט דעם פענצטער) וואָס האָט ער מיר זיי איבער-געלאָזן אויף מײַן קאָפּ? וואָס?! פאַרוואָס האָט ער זיי מיט זיך אין קבר נישט גענומען?... משחיתים! לעבעדיקערהייט אין דער ערד וועט איר מיך פאַרטרײַבן. (די קינדער גיורען זיך איין אויף דער ערד און וויינען). שווײַגט דאָרט! זיי האָבן שוין די מײַלער געעפנט... איר ווילט דאָרט נאָך אַ צולייג... פרוּווט מיר נאָר אויפוועקן דאָס קינד... דעם גרייסן דאָרטן וועל איך באַלד צערײַסן ווי אַ הערינג.

די אַלטע: (כאַפּט זיך אויף. רייבט די אויגן)
ווער וויינט? - צירל? צירעלע! וואָס וויינסטו קיינער ענטפערט איר נישט. פויזע)

חנה! (פליקט די פעדערן נערוועז. וואַרפט יעדעס מאָל אַן אויג צו די קינדער).

דודל (פייפט אַלע מאָל אַרויס מיט אַ גע מאַכט געוויין).

חנה: נו, וואָס! אפשר ווילסטו, איך זאָל נאָך דיר צוצאָלן?... איר ווייסט זייער, וואָס עס טוט זיך בײַ אײַער מאַמען אויפן האַרצן.. איר דאנהט זייער פאַר דער באָבען (די קינדער שוייגן און הערן זיך צו) נאָך וואָס דאַרף מען שטאַרבן און דערנאָך באַגראָבן ווערן, אַז לע-בעדיקערהייט פוילט מען שוין אין קבר... וואָס האָב איך דאָ? וואָס זע איך דאָ?..

די אַלטע: (מיט צוגעמאַכטע אויגן) קינ-דער! אָ, קינדער!.. די מאַמע שלאָגט? קומט צו מיר, קומט צו מיר, צירל... צירעלע.. ליכטיקע נשמהלע-קום צו מיר.

צירל: (גייט צו צו איר שטיל. קוקוריק צו דער מאַמען) וואָס דו מיר געבן, באָבע? (די אַלטע דרעמלט) זאָג, באָבע, וואָס דו מיר געבן?.. נעם מיך אין שויס... נעם מיך מײַנע פיס מיר קאַלט.

די אלטע: צירעלע? (טאַפּט זי אַרום) די מאַמע שלאָגט? אַ ווייטאָק מיר אין האַרצן! (זוכט אין קעשענע, געפינט אין קעשענע אַ שוואַרץ ציגעלע צוקער) נאַ דיר, נשמה מײַנע, דאָס איז צוקער-שמאָקטשע (צירל באַהאַלט דעם קאָפּ בײַ דער אַלטער אין שויס און זויגט די צוקער).

זעלדע: מאַמע! (חוה ענטפערט איר ניט).

זעלדע: מאַמע! מאַמע!

חנה: וואָס ווילסטו, וואָס?! (זעלדע בלייבט שטיל, דערשראָקן).

זעלדע: מאַמע!..

חנה: וואָס ווילסטו, שלאַנג?!

זעלדע: (וויינענדיק) מיר אויך גיב צוקער.

חנה: (וואַרפט אַ שאַרפן בליק צו דער אַלטער) צוקער געווינט זי זיי צו גריזשען, ס'איז קיין ברויט אין שטוב נישטאָ און זי קאָרמעט זיי מיט צוקער (דאָס קינד אין וויג הייבט אָן וויינען) שלאָף! שלאָף! (זי וויגט. דאָס קינד וויינט) כ'וועל באַלד צו דיר אויך מײַן ביטער האַרץ אויסגיסן). מײַן ביטער האַרץ וועל איך דיר געבן (ס רמעטט זיך צו די קינדער) מיט אײַך וועל איך זיך אָפּרע-

כענען - אַלץ צוליב איַיך!.. (דאָס קינד וויינט) וואָס ווילסטו? זאָג, וואָס ווילסטו?! דיר איז וואַרעם אין די שמאַטעס, טאָ ליג! (זי נעמט צוזאַמען אַלע שטריקלעך פון דער וויג און שאָקלט שטאַרק די וויג. דאָס קינדערשע געוויין צערייסט זיך איבער דער גאַנצער שטוב).

די אַלטע: דאָס קינד איז הונגעריק.

חנה: וואָס זאָל איך אים געבן? מיַין פלייש זאָל איך אים געבן?

די אַלטע: פאַרשטעק אים מיט וואָס דאָס מויל... כ'האָב נאָך אַ שטיקל צוקער אין קעשענע.

נחומל: איך וויל עסן.

חנה: מיַינע צרות וועל איך דיר געבן!

נחומל: כ'וויל עסן!

חנה: בלוטזייגערס! משומדים...

(צעשטויסט אויפן ברעג מיט אַ שטיקל צוקער, לייגט עס אַריין אין אַ שטיקל שמאַטקע צוזאַמען מיט אַ שטיקל חלה ברויט, דרייט עס איַין ווי אַ סאָסקע און שטעקט עס דעם קינד אין מויל. דאָס קינד ווערט גלייך אַנטשוויגן) זינדיקע נשמה.. נאָר צו ליַיטערן זיך אויף דער וועלט ביסטו געבוירן געוואָרן...

נחומל: כ'וויל עסן!

דודל: (שטייט אויף פון דער ערד, גייט צום טיש און לעקט מיט דער צונג דעם שטויב פונעם צוקער). אוי, סאַר אַ זיסקייַט! מהום.. זיס, זיס...

נחומל: לאָז מיר אויך אַ לעק טאָן!

דודל: שוין אין ...צן...

חנה: איר וועט מיר ווידער אויפוועקן דאָס קינד. —

זעלדע: מאַמע, אויף דרערד... אויף דרערד...

חנה: (לאָזט זי אַראָפּ. זעלדע לויפט צו דער פּלסער).

זעלדע: נעם מיר שוים, באָבע.

די אַלטע: גיי דו, ייִרעלע, אַראָפּ, און איך וועל נעמען זעלדקען, איר איז קאַלט.

זעלדקע: קאַלט... קאַלט.. די פיס...

די אַלטע: (נעמט זעלדקען צו זיך) ס זיצט אַזוי.

זעלדע: באָבע!

די אַלטע: (קושט איר אין קאָפּ) וואָס, מיַין לעבן?

זעלדע: גיב צוקער.

חנה: געוווּין זיי דאָרט נאָר אַיַין צוקער פרעסן!

נחומל: כ'וויל עסן! (פויזע).

דודל: מאַמע, כ'וויל עסן! (פויזע).

צירל: איך אויך וויל עסן! טאַקע.

זעלדע: מאַמע, עסן! מאַמע, עסן!

די אַלטע: חנה?

חנה: וואָס?

די אַלטע: די קינדער ווילן עסן.

חנה: נו, איז וואָס?

די אַלטע: טאָ גיב זיי.

חנה: דו, מאַמע, ביסט שוין אין גאַנצן אויסגעוועבט געוואָרן... אַ מענטש זיצט עס אין שטוב און זעט נישט, וואָס אַרום טוט זיך.

די אַלטע: אָבער די קינדער חלשן עסן — גיב זיי וואָס.

חנה: וואָס זאָל איך זיי געבן? מיַין פלייש זאָל איך זיי געבן?... וואָס? רבונו של עולם! וואָס טויג מיר אַזאַ ביטער לעבן? וואָס זע איך אָן אין לעבן? — צרות, יסורים! כ'האָב באַקלאָגט זיַין טויט און כ'האָב נישט געוווּסט, אויף וואָס איך קלאָג — אויף מיַין פינצטערן לעבן האָב איך קלאָגן געדאַרפט... מיט אים אין איינעם האָב איך זיך געדאַרפט אין דער ערד אַריַינלייגן. כ'האָב געדאַרפט נעמען די קינדער און אַריַינוואַרפן אין קבר מיט אים אין איינעם... מיטן טאַטן זייערן... אַ נאַרישע וועלט!.. מע האָט גערעדט אויף דיר אַז דו האָסט נישט געוויינט...

די אַלטע: מע האָט גערעדט... כ'האָב נישט געוויינט... כ'קען דען... וואָס? כ'האָב געוויינט אין דער יוגנט פאַר דער חתונה... כ'האָב געוויינט נאָך דער חתונה... גענוג, מיינסט אַ ים איז אין די אויגן? אַ ים וואָלט שוין אויך אויסגעטריקנט.

דודל: (שטיל) עסן..

נחומל: נאָר איין פּיצעלע ברויט האָסטו מיר געגעבן אין דער פרי — אַ ברעקעלע...

חנה: איך האָב נאָך אויך נישט געגעסן... די באָבע האָט נאָך אויך נישט געגעסן.

דודל: טאָ ווען וועלן מיר עסן?

חנה: דער זיידע וועט קומען. ער וועט ברענגען ברויט מיט בייגל (פויזע).

די אַלטע: ווער ווייס, צי ער וועט וואָס מאַכן אין גאַס... ס'איז אַזאַ פראָסט... וואָס איז דאָס שעמען זיך?... כ'האָב שוין לאַנג געזאָגט דאָס... פונדעסטוועגן האָבן מענטשן רחמנות, מע לאָזט נישט פאַלן אין גאַס, דער גיט אַ קאָפּיקע, דער – אַ גראָשן... קרעכצט אַ גאַנצע נאַכט, די גאַנצינקע נאַכט.

חנה: ווייסט שוין גאָרנישט, מאַמע, וואָס דו רעדסט.. עבר־בטל... צו דער עלטער נדבות... בעטלען...

די אַלטע: האָסט אַן אַנדער עצה, האָסטו?.. וואָס וועסטו אַנדערש טאָן, וואָס?

חנה: כ'וועל טאָן...

די אַלטע: און די קינדער?..

חנה: די קינדער...

די אַלטע: זיי וועלן דאָך פון הונגער אויסגיין.

חנה: וועלן זיי אויסגיין.

די אַלטע: כ'וויל שוין גאָר פון מײַן מויל נים אַרויסריידן... וואָס איז עס פאַר אַ דיבורים?

חנה: מאַמע! וואָס ווילסטו פון מיר האָבן?

די אַלטע: וואָרום וואָס זאָג איך דיר? איך טשעפּע דיך נישט.

חנה: ס'איז מיר אָן דײַנע ווערטער אויך געגוג אָך און וויי...

(פויזע. צירל גייט אַראָפּ פון דער אַלטערס שויס און זעצט זיך אויף דער ערד לעבן די קינדער. קוקן אַלע אָן די מוטער).

חנה: (קוקט אָן די קינדער טרויעריק).

וואָס האָט איר זיך צעזעצט אויפן דרערד? איר וועט זיך נאָך פאַרקילן (די קינדער שווייגן).

צירל: (הייבט זיך פּלוצלונג אויף און גייט צו הנהן) מאַמע?

חנה: וואָס?

צירל: מאַמע, ווען וועט זײַן שבת?

חנה (שווייגט).

צירל: זאָג, מאַמע, ווען וועט זײַן שבת?

חנה (שווײַגט): פרעג דער באָבען.

צירל: (גייט צו דער אַלטער) ווען זײַן שבת? באָבע, זאָג.

די אַלטע: (קושט זי אויפן קאָפּ) צו וואָס דאַרפסטו עס וויסן, מײַן קינד, ווען שבת איז?

צירל: אַזוי. שבת איז גוט... שבת עסט מען חלה... פלייש... ווען זײַן שבת? – באָבע, זאָג...

די אַלטע: מאָרגן.

צירל: מאָרגן?

די אַלטע: מאָרגן!

צירל: און וואָס הײַנט, וואָס הײַנט? באָבע, זאָג.

די אַלטע: הײַנט איז מאָנטיק...

צירל: און מאָרגן זײַן שבת?

די אַלטע (קושט זעלדען) מאָרגן וועט זײַן שבת, וועסטו עסן פלייש... חלה...

דודל און נחומל (שיסן אַרויס מיט אַ גרויס געלעכטער) נאַרעלע! נאַרעלע! מאָרגן איז נישט שבת, נאַרעלע... מאָרגן איז דינסטיק, מאָרגן.. כאַ־כי־כי־כאַ־כי־כאַ־כי.

צירל: (פאַרוואונדערט) די באָבע זאָגט.

נחומל: די באָבע ווייס אויך נישט... די באָבע שלאָפט דעם גאַנצן טאָג. זי ווייסט נישט... (חנהס שרעקלעכער געוויין צעגיסט זיך איבער דער גאַנצער שטוב... די קינדער קוקן זי אָן דערשראָקן)

דודל: מאַמע?

נחומל: מאַמע, כ'וויל נישט עסן... מאַמע, איך וויל נישט עסן, זאָג איך דיר...

דודל: איך וויל אויך נישט עסן... מאַמע! איך וויל נישט...

צירל: איך נישט וויל עסן... איך נישט וויל... מאַמע, איך נישט וויל...

דודל: (גייט צו צו חנהן, שלעפט זי פאַרן אַרבל) וויין נישט, מאַמע, וויין נישט, מאַמע.

נחומל: אָבער איך וויל נישט עסן... מאַמע, הערסט...

די אַלטע: חנה! הער אויף... וועסט אויפוועקן דאָס קינד... חנה...

חנה (הייבט אויפן הויכן קול. די קינדער שטייען צעשראָקן).

(פאָרהאַנג).

לערנביכער אויף יידיש

פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חײמסאָן

1. „לעבעדיקע קלאַנגען"—אילוסטרירטער א״ב.
2. „לעבעדיקע קלאַנגען"—כרעסטאָמאַטיע 1-טער טײל
3. „לעבעדיקע קלאַנגען"—כרעסטאָמאַטיע 2-טער טײל
4. „לעבעדיקע קלאַנגען"—כרעסטאָמאַטיע 3-טער טײל
5. „לעבעדיקע קלאַנגען"—כרעסטאָמאַטיע 4-טער טײל
6. „לעבעדיקע קלאַנגען"—כרעסטאָמאַטיע 5-טער טײל
7. דאָס לעבעדיקע וואָרט (ש. באַסטאָמסקי און ז. רייזען) כרעסטאָמאַטיע פאַרן VI און V לערניאָר
8. דאָס „נײַע וואָרט" — כרעסטאָמאַטיע פאַר עלטערע קלאַסן. אין 3 בענדער: עפּאָס, ליריק און דראַמע.
9. באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע פון ש. באַסטאָמסקי. (40 באַזונדערע העפטן).

די „לעבעדיקע קלאַנגען", „דאָס לעבעדיקע וואָרט" און „דאָס נײַע וואָרט" זיינען רעקאָמענדירט פון דער צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע און זיינען אָנגענומען אין די יידישע שולן אין דער גאַנצער וועלט.

נײַע רעכנביכער!

שוין דערשינען

צוויי נײַע רעכנביכער פון ש. באַסטאָמסקי

1. אַריטמעטישער רעכנבוך פאַרן צווייטן לערניאָר — צאָלן פון ערשטן הונדערט. ערשטע ידיעות פון געאָמעטריע.
2. אַריטמעטישער רעכנבוך — ב ר ו כ צ אָ ל ן.

מיט באַשטעלונגען ווענדן זיך:

S. Bastomski Wilno, Stefańska 24.

Konto P. K. O. 81.899.